בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

בהעלותך

י"ד סיון תשפ"ג

גליון מס': לג

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:05 |
| מוצש"ק | 8:23 |
| ר"ת | 8:58 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:11 | סוז"ת א' | 9:39 |
| סוזק"ש ב' | 9:03 | סוז"ת ב' | 10:14 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

## טיב המערכת

### די עבודה פון אידישע קינדער

אין א קליינעם דארף,ביים ברעג פון רוסלאנד, האבן זיך פאראייניגט די ארטיגע אידן אויפצובויען א גרויסן און פראכטפולן שול. איין זאך איז זיי אבער געשטאנען אין וועג: דאס ארט וואו זיי האבן געוואלט בויען דעם שול, האט באלאנגט פאר איינער פון די גוים, וועלכער האט געבעטן דערפאר א גרויסער סומע געלט, אבער קיינער פון די אידן פון דארף האט נישט געהאט דעם סומע וואס מען האט געדארפט באצאלן כדי צו קויפן דעם שטח פארן שול.

זענען זיי געגאנגען צום רב, און אים געבעטן אן עצה וואס צו טון. האט דער רב געזאגט צו זיי: עס פעלט נישט אויס אז דער גאנצער סומע זאל קומען פון איין מענטש, נאר אדרבה, ווי מער אידן וועלן אנטיילנעמען אינעם קויפן דאס ארט און בויען דעם שול, אלס גרעסער וועלן זיין אייערע זכותים, און אויך די סומע וואס איר וועט האבן אין האנט וועט ווערן גרעסער.

די תורה באפעלט די לויים "לַעֲבֹד אֶת עֲבֹדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", דאס מיינט אז די לויים טוען נישט זייער אייגענע עבודה, נאר זייער עבודה איז די עבודה פון אלע אידישע קינדער, און דאס דארפן זיי טאקע אינזינען האבן אז זיי דינען די עבודה פון אלע אידן.

דער אר"י הקדוש האט מתקן געווען, אז יעדע מצוה און יעדע תפילה זאל מען אינזינען האבן און זאגן אז מען טוט דאס 'בשם כל ישראל', כדי אלע אידן זאלן האבן א חלק אין די מצוה וואס א איד איז מקיים, און אין ספה"ק מאור עינים שטייט, אז דאס וואס מען זאגט 'בשם כל ישראל' איז כדי מען זאל זיך כולל זיין, סיי מיט די צדיקים און סיי מיט די פשוט'ע מענטשן, און אפילו מיט די גאר פשוט'ע מענטשן, און דורכדעם וואס ער איז זיך כולל מיט אלע מדריגות, טוט ער זיי אויך מעלה זיין און ער איז זיי משעבד צו די תורה, אז אויך אויף זיי זאל שיינען די ליכטיגקייט פון די שכינה הקדושה.

משל למה הדבר דומה, צו דאס וואס פילע מענטשן איבער די וועלט, זענען משקיע אין א געוויסע מטבע אדער אין די בערזע (בורסה), און כאטש די אלע מענטשן קענען זיך נישט איינער דעם אנדערן, טוט יעדער טויש אין די ווערד פונעם מטבע, גורם זיין א געוואלדיגער טויש אין די פארמעגן פון די משקיעים פון איבער די גאנצע וועלט.

אזוי אויך אונז אלע, אידישע קינדער, זענען שותפים אין דעם זעלבן ווערדפולע ארטיקל, און יעדע מצוה וואס א איד טוט און נעמט אריין אין דעם אלע אידן 'בשם כל ישראל', איז ער גלייך גורם דערמיט, אז דער רוחניות'דיגער פארמעגן און די זכותים פון אלע אידן זאל שטארק ארויפגיין, און זעלבסטפארשטענדליך אז מיט דעם איז מען אויך מקיים די מצוה פון אהבת ישראל, וויבאלד מיר האלטן נישט די זכותים נאר פאר זיך אליין, נאר מיר נעמען אריין יעדן איינעם אין דעם, און פארשטייט זיך אז דורכדעם וואקסט אויך אונזער אייגענער פארמעגן.

(עפ"י טיב התורה-בהעלותך)

## טיב הפרשה

# די ספעציעלע אנזאג פאר א איד ווען ער איז אונטערוועגנס – האלט זיך הייליג און ריין

אין די וואכענדיגע סדרה רעדט די תוה"ק ארום פון די מצוה פון קרבן פסח אין מדבר. דער רבש"ע רעדט צו משה רבינו און ער באפעלט אים אז ער זאל ארויסגיין צו די אידן און זיי אנזאגן אז זיי זאלן מקריב זיין דעם קרבן פסח אין מדבר.

ווען מען קוקט אריין אין די לשון הפסוק קען מען באמערקן אז דער פסוק באנוצט זיך דא מיט אן עקסטערע אזהרה. זיווארנט אן כלל ישראל אז די קרבן זאל געמאכט ווערן מיט אלע חוקים און אלע משפטים, אזוי ווי א קרבן דארף ווערן געמאכט.

עס קען זיין אז די תוה"ק האט דא א ספעציעלע כוונה מיטן אנווארנען דעם איד אז די קרבן פסח זאל געמאכט ווערן אזוי ווי עס דארף צו זיין מיט אלע פרטים און דקדוקים, ווייל דער קרבן פסח האט כלל ישראל מקריב געווען ווען זיי זענען געווען אין מדבר, ווען זיי האבן געוואנדערט פון איין פלאץ צו די צווייטע, ווען דער קאפ איז נישט געווען עכטיג אויפן פלאץ.

עס איז א נאטור ביי אסאך מענטשן אז ווען זיי זענען נישט אויפן פלאץ, ווען זיי האבן נישט די עכטע ישוב הדעת וואס זיי האבן אייביג, לאזן זיי זיך נאך. אין אזא צייט קומט דער יצר הרע און ער רעדט איבער דעם מענטש אז ער זאל זיך נאכלאזן, אז אין אזא צייט פאדערט זיך נישט די זהירות וואס זיי דארפן אייביג האבן.

דער יצר הרע באנוצט זיך מיט דעם מיטל סיי ווען דער איד האט נישט די ישוב הדעת וואס ער האט אייביג און אויך ווען ער איז אונטערוועגנס. אין אזא זמן זאגט דער יצר הרע פאר א מענטש, צי ווען דו גיין זוכן א מנין? דו ביסט דאך אין א פרעמדע שטאט? ביז ווען דו וועסט טרעפן א מנין וועט די זון אונטערגיין, בעסער דאוון דא, וואו דו ביסט יעצט, ביחידות, אזוי ביסטו זיכער אז דו האסט געדאוונט מנחה.

די זעלבע זאך וועט ער אים אויך איבערדעדן ווען עס קומט אפצוהיטן אויף זיינע איינגעפירטע קפידות פון אפגעהיטנקייט ביים עסן מיט די כשרות וואס ער פירט זיך ווען ער איז אויף זיין פלאץ. אויך מיט דעם וועט

>>> | המשך אין עמוד ב' |

זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רביעוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

אים דער יצר אפקעלטערן און זאגן אז עס איז גוט, ער קען עסן דא, מען קען זיך דאך פארלאזן אויף יעדן, אבער דער אמת איז אז מען דארף זיך האלטן שטארק אין אויך אזעלכע מצבים און וועגן דעם טאקע זאגט עס די תוה"ק ארויס ביי די פעלער און פאדערט פון דעם מענטש אז דווקא דא, ווען ער איז אונטערוועגנס זאל ער זיך אונטערגארטלען און טון זאכן אויף א לכתחלה'דיגע וועג און ווי די לשון הפסוק איז אז די קרבן פסח זאל געמאכט ווערן מיט אלע חוקים ומשפטים, אזוי ווען ער איז ביי אים אין שטוב.

ער זאל האלטן פאר זיינע אויגן אז הקב"ה איז איבעראל און ער זעט זיינע מעשים, און זיך נישט לאזן איבעררעדן פון דעם יצר הרע שבו.

ווען מען רעדט פון די צייט ווען א איד איז אונטערוועגנס איז אויך וויכטיג צו געדענקען אז ווען מען איז אונטערוועגנס פאדערט זיך פון א מענטש ער זאל האבן א שמירה יתירה אויף זיינע אויגן. ווען א מענטש געפינט זיך אינדערהיים איז ער באקאנט מיט די נסיונות וואס קומען אים אונטער, ער קען די גאסן, די געשעפטן, אבער ווען ער איז אין די פרעמד איז אלעס אנדערש. ער קען זיין אויף אן ארט וואו ער שפירט זיך פארזיכערט אבער למעשה קען אים דארט געבן א קום אונטער א נסיון אומערווארטעט און ער ווערט חלילה נכשל אין אן עבירה.

עס איז וויכטיג אז מען זאל געדענקען די חשיבות פון שמירת העינים. עס דארף זיין קלאר ביי א איד אז זיין גאנצער מהות ווענדט זיך אין די אויגן, אז ער היט אפ זיינע אויגן איז ער א הייליגער מענטש. אויב נישט ווערט ער ליידער אראפגעשלעפט זייער נידריג מיט די זאך.

אין די ספרים הק' איז דא דערויף א רמז. זיי טייטשן אויס דער פסוק 'איה הקדשה היא בעיניים' אז די קדושה פון א איד ליגט אין די אויגן. די זעלבע זאך טרעפן מיר אין די ירושלמי [ברכות א. ה] אז הקב"ה זאגט פאר א איד אי יהבת לי לבך ועינך אנא ידעת דאת לי – אז אויב א איד הייליגט זיך די אויגן זאגט הקב"ה אויף אים אז דו ביסט מיינער.

דער געדאנק איז אויך דא אין מסכת דרך ארץ פרק א', אז ווער עס זעט א דבר ערוה און ער האט נישט קיין הנאה פון דעם איז זוכה אז ער איז מקבל די פני השכינה.

דער שלה"ק [שער האותיות ק' – קדושה] איז מדייק אז אין די תוה"ק שטייט 'ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם'. עס שטייט נישט 'בתוכו' נאר 'בתוכם', ווייל עס קומט צו ווייזן אז א איד זאל זיין הייליג אינעווייניג, אז דער הארץ פון א מענטש איז קעגן די קדשי קדשים, די צוויי אויגן זענען קעגן די כרובים, ווייל נאר אז א מענטש היט זיך אפ די אויגן איז ער זוכה צו זיין א משכן פאר די שכינה הק'.

אבער אז א מענטש טוט חלילה די פארקערטע און ער איז מטמא זיינע אויגן ווערט ער נאכגעשלעפט נאך די אויגן און זיי פירן אים אראפ זייער נידריג און ווי רש"י זאגט אויף די ווערטער פון פסוק 'ולא תתורו אחרי לבבכם' אז די אויגן זענען א סרסור פון דעם יצר הרע, זיי רעדן צו דעם מענטש ער זאל טון עבירות, דער אויג זעט און די הארץ גלוסט און די גוף פירט עס אויס למעשה.

א איד דארף צו וויסן אז אפילו אז ער דאווענט און ער לערנט דאך, אויב וועט ער זיך נישט אויסארבעטן, האט ער אין זיך א באהאלטענע כח הרע, די כח הרע ציט צו שלעכטס און אויב וועט ער מטמא זיין די גוף, וועט ער ווערן נאכגעשלעפט נאך איר און וועגן דעם פאדערט זיך פון א מענטש ער זאל זיך היטן פון דעם ווי פון פייער, אויב ער וויל בלייבן מיט א ריינע נשמה.

דער געדאנק איז מרומז אין פרשת וישלח וואו די תוה"ק דערציילט אונז אז יעקב אבינו האט געזען ווי עשו קומט אים אקעגן מיט פיר הונדערט מענטשן [בראשית לג. א], דער פסוק נוצט דארט דער לשון וישא יעקב עיניו וירא והנה עשו בא ועמו ארבע מאות איש.

דער אריה"ק זאגט אז די ארבע מאות איש זענען נישט געווען קיין מענטשן, עס איז געווען די כוחות הטומאה.

דער פסוק זאגט צו א איד – וישא יעקב עיניו – אז דו הייבסט אויף דיינע אויגן אפילו איין מאל, זאלסטו וויסן אז גלייך זעסטו קעגן דיר אלע כוחות הטומאה, ווייל מען דארף אפהיטן די אויגן.

מיט דער געדאנק קען מען אויך געבן צו פארשטיין די מאמר פון דוד המלך אין תהלים [פט. מב] שסהו כל עוברי דרך, אז ווען מען גייט אין וועג און מען היט זיך נישט די אויגן, איז דער מענטש 'משסה' זיינע כוחות הרע, ווייל ער פארלירט די קדושה.

זאל מען זוכה זיין זיך צו קענען אפהיטן און בלייבן הייליג מיט ריינע און אפגעהיטענע אויגן און וואקסן בקדושה מעלה מעלה.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

## די לאנגע שחרית האט זיך אויסגעצאלט

פון צייט צו צייט וועל איך ארויסדינגען א קאר. איך קען זיך נישט ערלויבן אויפצוהאלטן אן אייגענע קאר, אבער אז איך דארף עס וויכטיג וועל איך ארויסדינגען א קאר.

אין די געגנט וואו איך וואוין איז דא א פלאץ וואו מען קען ארויסדינגען קארן לויט די טאג. מען נעמט עס אינדערפרי און אז מען ברענגט עס צוריק ביז צען אזייגער פארמיטאג אויפצומארגנס ווערט עס גערעכנט ווי איין טאג, אז מען קומט שפעטער דארף מען שוין צאלן נאך א טאג.

די קאר פארדינגער איז זייער שטרענג. אויך אז דו וועסט שפעטיגן מיט צען מינוט וועסטו שוין דארפן צאלן פאר נאך א טאג.

ווען איך בין אויפגעשטאנען יענעם אינדערפרי האב איך געמאכט אלע הכנות אז אויף צען אזייגער זאל איך שוין קענען זיין צוריק מיטן קאר. איך האב געלערנט פארן דאווענען, געווען אין מקוה און זיך געשטעלט דאווענען אין שול מיט א רואיגקייט.

עס איז שוין געווען אביסל פונקט, אבער גענוג אז איך זאל קענען דאווענען געהעריג און זיין דארט באצייטנס אבער איך האב פארזען איין פרט, איך האב נישט געוואוסט ווער עס גייט זיין דער בעל תפילה ביים דאווענען.

צו מיין מזל איז דער בעל תפילה געווען אויסטערליש שטאַט, ער האט מקפיד געווען ארויסצוזאגן יעדע ווארט הויך און קלאר און צו דערצו האט ער געדאווענט א לאנגע שמונה עשרה, אז עס האט זיך געצויגן היבש לענגער ווי נארמאל.

זעענדיג אז עס ווערט שפעט האט זיך אנגעהויבן אין מיר צו קאכן די נסיונות. דער יצר טוב האט געזאגט אז וועגן געלט גייט מען נישט אוועק פון דאווענען, אבער דער יצר הרע האט געזאגט אז עס איז נאר א פאר אמנ'ס, א קדיש, ציפ עס אראפ און גיי.

וועגן דעם זאלסטו צאלן א גאנצן טאג? האט דער יצר הרע מיר געוואלט פארבלענדן.

עס איז געווען א מלחמה אבער ברוך השם אז איך האב זיך געשטארקט. איך בין געבליבן ביז ווען מען האט געענדיגט עלינו און די לעצטע קדיש און נאר נאך דעם בין איך ארויס פון שול.

ווען איך בין צוריקגעקומען מיטן קאר, איז שוין געווען צוואנציג נאך צען.

"דו ווייסט אז דו ביסט שפעט, איך גיי דיר בעטן נאך א טאג....".

איך האב צוגעשטימט, אבער דער בעל הבית האט געוואלט וויסן פארוואס טאקע האב איך געשפעטיגט. עס איז דאך ממש א שאד.

"איך וועל דיר זאגן דעם אמת", האב איך אים א זאג געגעבן, און אים דערציילט איבער די שטאַטער בעל תפילה און וויאזוי ער האט אויסגעצויגן דער מנין און געלאזט דעם עולם ווארטן ביז ווען ער האט געענדיגט שמונה עשרה.

"איך האב געקענט אוועקגיין, אבער איך האב באשלאסן אז ליבערשט וועל איך בלייבן ביז ווען מען ענדיגט דאווענען און זאגן אלע אמנ'ס", האב איך אים געגעבן צו פארשטיין.

ווען דער בעל הבית האט דאס געהערט איז ער געווארן איבערגענומען פון דעם און זיך אנגערופן צו מיר, אז אויב דאס איז די סיבה צו דיין שפעטיגונג "בין איך דיר מוותר, דו דארפסט נאר צאלן איין טאג".

איך האב זיך געפריידט. איך האב געדאנקט דעם פון אויבן אז סיי האב איך נישט געדארפט צאלן נאך א טאג און סיי האב איך פארדינט אז איך האב זיך נישט געלאזט פון דעם יצר הרע און געדאווענט ווי א איד דארף דאווענען.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה ד.ה]

**די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922**

# טיב המעשיות

# אהבת ישראל

**"לְכָה אִתָּנוּ וְהֵטַבְנוּ לָךְ, כִּי ה' דִּבֶּר טוֹב עַל יִשְׂרָאֵל"**

(י, כט)

דער יסוד פון די ברכה פון אידישע קינדער, קומט נאר דורך שלום און אהבת ישראל צווישן איין איד און דער אנדערע, אזוי ווי עס שטייט אינעם סדר "ברכת כהנים" וואס מיר האבן געלערנט אין די פריערדיגע פרשה (נשא ו, כד-כז), וואס הייבט זיך אן מיט די ווערטער "יְבָרֶכְךָ ה'", און עס ענדיגט זיך מיט די ווערטער "וְיָשֵׂם לְךָ שָׁלוֹם", וואס דאס ווייזט אונז אז דער גאנצער קיום פון די ברכה ווענדט זיך אין די מידה פון שלום וואס איז דא צווישן אידן.

אזוי ווי דער באקאטער מאמר פון רבי שמעון בן חלפתא אין סוף מסכת עוקצין (פ"ג מ"ב): "לֹא מָצָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי מַחֲזִיק בְּרָכָה לְיִשְׂרָאֵל אֶלָּא הַשָּׁלוֹם, שֶׁנֶּאֱמַר (תהלים כט, יא) ה' עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן, ה' יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם".

דערמיט זענען די ספרים הקדושים מרמז אינעם אויבנדערמאנטן פסוק אין אונזער פרשה: "לְכָה אִתָּנוּ וְהֵטַבְנוּ לָךְ", אז דורך אהבת ישראל און קירוב הלבבות, וואס יעדער איינער זארגט פאר דאס גוטס און ברכה פון זיין חבר, דורכדעם ברענגט מען די גאנצע ברכה, און דורכדעם ווערט מקוים דאס וואס עס שטייט ווייטער אין פסוק "כִּי ה' דִּבֶּר טוֹב עַל יִשְׂרָאֵל"! אמן.

->•<-

אַן איש נאמן, פון איינער פון די צענטראלע שטעט פונעם יהדות החרדית אין אמעריקע, האט מיר דערציילט די פאלגנדע דערציילונג: וויבאלד זיין הויז געפינט זיך ווייט פונעם בית המדרש וואו ער דאוונט אום שבת קודש, פירט ער זיך ארויסצופארן צום בית המדרש מיט זיין קאר פרייטיג פארן זמן פון ליכט-צינדן, וואו ער לאזט זיין אויטא ביז מוצאי שבת, און נאכן ענדיגן מעריב מוצאי שבת פארט ער צוריק אהיים מיטן קאר, און אזוי פארדינט ער אז ביי די צוויי מאל דארף ער נישט גיין דעם לאנגן וועג צופיס. – ווי באוואוסט, איז דאס אן אנגענומענע זאך ביי אסאך אידן וואס פירן א קאר, און זייער שול איז נישט נאנט צו זייער הויז.

איין ערב שבת האט אים זיין פריינט, וואס דאוונט אין אן אנדערן בית המדרש אין שטאט געפרעגט אויב ער קען בארגן פון אים זיין קאר פאר שבת.

"פארוואס דארפסטו האבן אן אויטא פאר שבת קודש"? – האט זיך דער אייגנטימער פונעם אויטא געוואונדערט.

האט אים דער חבר געגעבן צו פארשטיין, אז וויבאלד פאר דעם שבת קודש האט מען אים צוגעשטעלט צו זיין דער וואלונטיר פאר "הצלה" אום שבת קודש, וועט ער דארפן זיין גרייט דעם גאנצן שבת קודש, מיט אן אויטא, כדי צו קענען גלייך געבן הילף על כל צרה שלא תבא, אזוי ווי עס איז איינגעפירט אין אמעריקע, אז אלע הצלה רופן ווערן גלייך באהאנדלט דורך די חרדי'שע וואלונטירן וואס זענען צושפרייט איבער די חרדי'שע געגנטער און צווישן די שולן, צו קענען גלייך קומען אויב איז חלילה דא א הצלה רוף.

הערנדיג איבער וואס עס רעדט זיך, האט דער איד גלייך מסכים געווען צו פארבארגן זיין קאר צו קענען ראטעווען אידישע קינדער אום שבת קודש. "נישט געפערליך", האט ער געזאגט, "וועל איך גיין נאך אביסל צופיס, כדי מען זאל קענען העלפן אידישע קינדער"!

טיף אין הארצן, פארציילט דער איד, בין איך נישט אינגאנצן צופרידן געווען מיט מיין הסכמה... איך האב מורא געהאט טאמער דארף ער האבן דעם קאר פאר אן אנדערע ציל, און די מעשה מיט "הצלה" איז נאר א "תירוץ" צו פארדעקן דעם אמת'ן סיבה... איך האב דאס אבער נישט געקענט וויסן, דעריבער האב איך מסכים געווען, אננעמענדיג די ווערטער פונעם איד, וועלכער איז טאקע געקומען עטליכע שעה פאר שבת, און מיטגענומען דעם קאר מיט זיך.

פרייטיג צונאכטס, ליל שבת קודש. דער איד קומט אהיים פון שול, נאכן גיין צופיס דעם לאנגן וועג, און ווי גרויס איז זיין וואונדער געווען זעענדיג ווי זיין אייגענעם אויטא שטייט אין פארנט פון זיין הויז, דארט וואו ער לייגט עס געווענליך! ער האט נישט געקענט גלייבן וואס זיינע אויגן זעען!

וויאזוי קען דאס זיין? האט זיך דער איד געוואונדערט. מיין חבר איז דאך געווען דא פרייטיג, און האט מיטגענומען מיט זיך דעם קאר, און אויך ווען איך אליין בין ארויסגעגאנגען פונדערהיים א האלבע שעה פאר ליכט-צינדן, און זיך ארויסגעלאזט צום בית המדרש, איז דער קאר בכלל נישט דא געווען! אויב אזוי, פון וואו וואקסט עס פלוצלונג אויס דא, אינמיטן שבת קודש?

זיין שטוינונג איז געוואקסן, ביז ער האט באשלאסן אז ער וועט ארייגיין צו זיך אינדערהיים, מעגליך וועט ער דארט געוואר ווערן וואס איז דער פשט דערפון.

ווי נאר ער איז אריינגעגאנגען אין הויז, האט ער געזען אז עס טוט זיך דארט א גרויסן איבערקערעניש. די הויזגעזינד זענען געלאפן אהין און אהער באזארגט. 'עפעס איז דא געשען', האט ער געטראכט צו זיך, און זיין הארץ האט גענומען קלאפן האסטיג! און פלוצלונג זעט ער זיין חבר, וועלכער האט געבארגט זיין קאר מיט עטליכע שעה צוריק... ווי ער גייט ארויס פונעם קינדער-צימער מיט אן ערנסטן געזיכט.

"וואס איז געשען"? – האט ער אים געפרעגט, טיף באזארגט.

"ברוך השם", האט אים דער חבר געענטפערט. יעצט איז שוין אלעס אין ארדענונג!

ומעשה שהיה כך היה: א קינד פון פיר יאר אלט, דער זון פון דער וואס האט פארבארגט זיין קאר, האט זיך געשפילט מיט זיינע שוועסטער, מיט אזעלכע קליינע טאבעלעך (מארבלס/גולות), און אזוי שפילנדיג האט ער איינגעשלינגען איינס אין זיין מויל, וועלכע איז געבליבן שטעקן אין זיין האלז, און אים נישט געלאזט אטעמען, רחמנא ליצלן! דער קינד האט אנגעהויבן ווערן בלוי, לא עלינו, און האט זיך געפינען אין א געפערליכן סכנה! די משפחה האבן גלייך געקלינגען "הצלה", און ביז צוויי מינוט איז דער איד געקומען צו פליען, טאקע מיטן קאר פונעם טאטן פון דער קינד, גלייך צום הויז פון וואו ער איז נישט לאנג פריער ארויסגעפארן... און האט געראטעוועט דעם קינד אינעם לעצטן מינוט!

דאס איז וואס דער פסוק זאגט "לְכָה אִתָּנוּ וְהֵטַבְנוּ לָךְ – כִּי ה' דִּבֶּר טוֹב עַל יִשְׂרָאֵל". ווען א איד טוט גוטס מיט אנדערע, און ער געבט אוועק פון זיך כדי צו העלפן אידישע קינדער, איז ער זוכה דורכדעם אז עס ווערט נשפע גוטס צוריק צו אים!

אלעס וואס דער מענטש טוט, טוט ער פאר זיך!...

[פרטית א' אדר תשע"ג]

->•<-

מיט צען יאר צוריק, איז נפטר געווארן א חשוב'ע פרוי, מרת חוה מאנצי קלעצקין עליה השלום, אשת חבר פון מוהר"ר בן ציון קלעצקין זצ"ל.

זייענדיג דארט, ווי מיין שטייגער, כדי צו מקיים זיין די מצוה פון "ניחום אבלים", האבן די קינדער מיר דערציילט א וואונדערליכע מעשה וואס איז פארגעקומען אינעם הויז פון זייערע עלטערן, אין דער יוסף בן מתתיהו גאס, אינעם "גאולה" געגנט אין ירושלים עיר הקודש, תבנה ותכונן.

זיי זענען געווען א קינדער-געבענטשטע משפחה, כן ירבו (העכער פופצן קינדער...) און האבן געוואוינט אין א דירה פון צוויי גרויסע צימערן...

איין טאג האט דער שכן וואס האט געוואוינט נעבן זיי, געוואלט ארויסבויען א גרויסן באלקאן (טעראסע/פארטש) פון זיין דירה. דאס בויען איז בכלל נישט געווען מיט אַן ערלויבעניש, אבער יענער האט אנגעהויבן בויען לויט זיין געשמאק.

איז ר' בן ציון צוגעגאנגען צום שכן און אים געזאגט: איך האב צו אייך א בקשה, וויבאלד איך האב אויף יענעם זייט איין פענסטער, פון וואו עס קומט אריין ליכטיגקייט און זון צו מיין "סאלאן", בעט איך אייך זייער, אז איר זאלט אכטונג געבן ביים בויען, אז מיין הויז זאל נישט פארטונקלט ווערן, און דער זון זאל ווייטער ארייגשיינען פונעם פענסטער!

ר' בן ציון האט מקפיד געווען זיך נישט צו באניצן מיטן עלעקטרי אום שבת קודש, און פרייטיג צונאכטס פלעגט מען עסן די סעודה צום שיין פון די ליכט, אבער ביי די סעודה פון שבת אינדערפרי, און אויך ביי שלש סעודות איידער עס איז געווארן טונקל, פלעגט מען עסן צו די ליכטיגקייט וואס איז אריינגעקומען פון יענער פענסטער. אזוי, אז אויך פארן כבוד פונעם שבת קודש האט מען געדארפט האבן די זון-ליכטיגקייט וואס איז אריינגעקומען פונעם פענסטער.

אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין די גמרא סוף פרק חזקת הבתים (בבא בתרא דף נט.) וועגן א פענסטער וואס איז געמאכט פאר ליכטיגקייט, אז דער בעל הבית פונעם פענסטער האט א חזקה דערויף, ווייל וויבאלד עס איז געמאכט צו באלייכטן דעם הויז, איז עס א קביעות'דיגע זאך פאר אלע טעג, וויבאלד דער מענטש דארף אלעמאל האבן ליכטיגקייט, און מען טאר נישט בויען אנטקעגן דעם און עס פארטונקלען, אפילו נישט מיט א משהו. און אזוי ווערט טאקע גע'פסק'נט די הלכה אין שולחן ערוך חושן משפט (סימן קנ"ד סי"ד), און עס ווערט דארט ערקלערט אין די מפרשים אויפן ארט.

זענען ביידע שכנים צוזאמען

| המשך אין עמוד ד' |>

ארויסגעגאנגען, און האבן נאכגעקוקט פון וואו די ליכטיגקייט קומט אריין, און לויט דעם האבן זיי באצייכנט א פונקטליכע ליניע, ביז וואו מען קען בויען דעם באלקאן, אזוי אז עס וועט נישט מאכן קיין שאדן פארן שכן און נישט פארטונקלען דעם פענסטער.

אבער, אזוי ווי עס טרעפט זיך לײדער אין אזעלכע פעלער, איז דער איד נישט בייגעשטאנען דעם נסיון. וויבאלד ער האט שוין געהאלטן אינעם שוואונג פון בויען, האט ער ווייטער פארצויגן דעם באלקאן, און עס געבויט ביזן סוף פונעם הויף, ביז צום מאקסימום וואס מען האט געקענט... אן זיך צו רעכנען מיט די בקשה פון זיין שכן אז מען זאל אים נישט פאַרשטעלן דעם ליכטיגקייט פונעם פענסטער.

אין אנהייב, איז נאך אלעס געווען פארשטעלט מיט געדעקטע אייזנעס, און אזוי האט מען נישט געקענט זען וואס און וויפיל מען בויט, אבער נאכן אוועקנעמען די אייזנעס איז קלאר געווארן דער שווינדל.

ביי די קלעצקין פאמיליע איז געווארן שווארץ פאר די אויגן, צוויי-פאכיג. די מאמע, מרת חוה מאנצי ע"ה האט עס זייער גענומען צום הארצן. זי איז געווען זייער ברוגז אויפן אומרעכט וואס דער שכן האט געטון מיט זיי, אוועקנעמענדיג פון זייער וואוינונג דאס ביסל זון וואס זי האט געהאט יעדן טאג, און יעצט איז אלעס טונקל!

"מיר האבן דאך קלאר פארלאנגט פון אים איידער ער האט אנגעהויבן בויען, אז ער זאל אונז נישט טונקל מאכן דעם פענסטער פון וואו די ליכטיגקייט קומט אריין, און מען האט שוין אפילו באצייכנט מיט אים ביז וואו ער קען בויען. פון וואו האט ער גענומען דעם געפערליכן חוצפה ווייטער צו בויען, אן צו נעמען אין חשבון די געברויכן און רעכטן פון זיינע שכנים"? האט די פרוי געטענהט.

זי האט באשלאסן ביי זיך, אז זי גייט נישט פארשווייגן פארן שכן אויף דאס וואס ער האט געטון, און וויבאלד זיין גאנצע בויען איז דאך געווען 'שווארץ', אן קיין שום ערלויבעניש, האט זי אים געוואלט רופן צום דין תורה, אויף זיין געפערליכן שווינדל.

אבער איר מאן, רבי בן ציון, האט אנדערש געהאלטן, און ער האט שווער געארבעט צו בארואיגן זיין רעבעצן.

לאמיר פראבירן שאצן, און זען וואס איז גרעסער, דער פארדינסט וואס דער שכן האט פארדינט פון זיין באלקאן, אדער דער שאדן וואס איז געקומען צו אונז? – האט רבי בן ציון געזאגט און געגעבן צו פארשטיין. לאמיר אביסל טראכטן איבערן צווייטן צד, און פארשטיין דעם שכן... זיי האבן בלי עין הרע א גרויסע משפחה, און זיי דארפן האבן א גרויסע סוכה פארן יום טוב סוכות... צי א קליינע באלקאן וועט דאך נישט זיין פאסיג פאר זייער געברויך! זעט אויס אז זייער פארדינסט פונעם באלקאן, איז גרעסער ווי אונזער שאדן... אויב אזוי, לאמיר בעסער מוותר זיין און שווייגן, און דורכדעם וועלן מיר איינהאנדלען א גרעסערן שטח פאר אונזער חלק אויף עולם הבא!

אזוי האט רבי בן ציון מצליח געווען מיט ווייכע און זיסע רייד, איבערצודרייען די הארץ פון זיין ווייב, און זיי האבן טאקע געשוויגן און גארנישט געזאגט!

ווען די קינדער פון רבי בן ציון האבן דאס דערציילט פארן גרויסן גאון, רבי ישראל יעקב פישר זצוק"ל, דער ראש בית דין הגדול של העדה החרדית, האט ער געזאגט מיט א שמייכל, אז מיט אזא צוגאנג וועט מען קענען אין איין וואך פארמאכן דעם בית דין...

[שם]

->•<-

פאלגנד איז א מעשה רב וואס איך האב געזען ביי איינער פון די גדולי הרבנים אין ירושלים עיר הקודש, וואס פון די מעשה האב איך ארויסגענומען א געוואלדיגע חיזוק אין קיום המצוות שבין אדם לחבירו.

דער חשוב'ער רב שליט"א האט חתונה געמאכט זיין יונגסטן זון בשעה טובה ומוצלחת, און לכבוד די שמחת החתונה האט זיך דער רב געקויפט א נייעם וואלענעם 'טלית קטן', לויט זיינע ספעציעלע מנהגים און חומרות. דאס איז געווען זייער א טייערע טלית קטן... סיי איז עס געווען זייער גרויס, און סיי אז די ציצית פעדימער האט ער געקויפט פון דאס שענסטע און מהודר'דיגסטע, וואס זענען געמאכט געווארן בעבודת יד לשמה, דורך חשוב'ע היימישע יונגעלייט, און מיט טוויה בקדושה וטהרה, לשם מצות ציצית.

כדרכו בקודש, האט דער רב אליין אנגעבינדן די ציצית אויפן טלית קטן, לויט אלע הידורים און חומרות וואס ער ווייסט, און מיט אסאך געהויבענע און טייערע כוונות הידועים למארי רזא!

ביי די גרויסע געהויבענע חתונה, האט דער חשוב'ער צדיק שליט"א געטאנצט דעם מצוה טאנץ, כדרכו בקודש, מיט א געוואלדיגע עבודה פון עטליכע שעות צוזאמען מיט אלע תלמידים און חברים, אזוי ווי ער פירט זיך שוין לאנגע יארן צוזאמען מיט די מענטשן פון זיין קהילה מיט גרויס פאר והדר.

עטליכע טעג נאך די חתונה, איז אנגעקומען ביים צדיק אין הויז, איינער פון די בני הקהילה, וועלכער האט געדארפט האבן א גרויסע ישועה, און ער האט זייער שטארק געבעטן דעם רב, אויב ער קען אים אוועקגעבן דעם ספעציעלן 'טלית קטן' מיט וועלכע ער האט געמאכט די געוואלדיגע הקפות פונעם מצוה טאנץ ביי די חתונה... זאגנדיג, אז עס איז זיכער ביי אים אן קיין צווייפל, אז דורכן טלית קטן, מיט וועלכע עס איז געטון געווארן אזא געוואלדיגע עבודה, וועט נמשך ווערן פאר אים די ישועה צו וועלכע ער ווארט אזוי שטארק!

גלייך אויפן ארט, אן אפילו טראכטן אדער צווייפלען, האט דער רבי אים אוועקגעגעבן דעם טלית קטן בשמחה גדולה! "אויב קען איך מיט מיין טלית קטן העלפן א איד, ווי שטארק איז מיין שמחה, ארויסצוהעלפן א צווייטן איד", האט דער רב געזאגט.

און ווירקליך האט די הייליגע טלית קטן אויפגעטון די פעולה, און דער איד איז גלייך געהאלפן געווארן פון זיין צרה, ברוך השם!

פונקט אזוי ווי מיר האבן אנגעהויבן, מיט די ווערטער פונעם פסוק אין אונזער פרשה: "לְכָה אִתָּנוּ וְהֵטַבְנוּ לָךְ – כִּי ה' דִּבֶּר טוֹב עַל יִשְׂרָאֵל"! און אונז דארפן ארויסנעמען דעם מוסר השכל, ווי מען דארף זיין גרייט מוותר צו זיין אויף אלעם, און ארויסהעלפן א איד בכל מילי דמיטב, און מיט וואס נאר מעגליך!

[פרטית כ"ה ניסן תשע"ב]




על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הר"ר ישראל זצ"ל סייער

יוסף בן טילה רוזא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רוזא להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948
info@keshet-hareshet.co.il

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173